בעזהשי"ת
קינדערגארטן
דישיבה תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר
- קרית יואל יע"א -
נתייסד ע"י כ"ק רבינו הקוה"ט זיע"א • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א

# וואס הערט זיך אין קינדערגארטן

תזריע
תשע"א












## ✪ ברוכים הבאים

א ברוכים הבאים וואונטשט הנהלת הקינדערגארטן פאר אלע נייע קינדערלעך וואס זענען אריין געקומען דעם חודש אין פרי נורסערי, מיר האפן איר וועט זיך גוט געפונען אי"ה. און די זעלבע צייט - פאר אלע קינדערלעך וואס זענען ארויס געגאנגען פון די פרי נורסערי צו די נייע נורסערי חדר צו זייער נייע מלמד מו"ה ישראל פארקאש שליט"א - וואונטשן מיר זיי אלע הצלחה און סייעתא דשמיא.

## ✪ שואלין ודורשין

עס איז קוים אדורך דער ליסטיגער יו"ט פורים, און די חשובע מלמדים זענען שוין און פולן שוואונג צו לערנען מיט די קינדער דעם קדש ורחץ און מה נשתנה. אויף די ווענט הענגען שוין די סימנים, מה נשתנה, חד גדיא'ס. די הערליכע הגדות וואס די קינדער זעלבסט וועלן בעארבעטן און די קומענדיגע וואכן, זענען שוין פולקאם גרייט, און די קינדער ארבעטן שוין דערויף לעבעדיג.....

## ✪ וואס מאכסטו? ברוך השם!!!

(פאר די גרעסערע קינדער) איינע פון די מעשיות וואס דער הייליגער קאזניצער מגיד זי"ע פלעגט דערציילן פסח ביינאכט, איז די באקאנטע מעשה פון דעם פריץ מיטן מאנקי. די וואך האבן די רבי'ס דערציילט פאר די קינדער די מעשה, און מיטוואך האבן מיר מיטגעהאלטן די הערליכע מעשה. קודם האט מען אונז אויסגעלערנט וואס מ'דארף צו ענטפערן ווען מ'פרעגט וואס מאכסטו? וויאזוי פילסטו? מ'דארף ענטפערן ברוך השם געלויבט איז דער הייליגער באשעפער.

מיר זעהן ווי מאשקע (**משה שפיטצער** נ"י) גרייט אן זיין קרעטשמע (א סטאר וואס מ'קויפט וויין ברוינפען און ביר) מיט פיינע טרונקן. עס קומט אריין א איד (**יששכר דוב מארקאוויטש** נ"י) און קויפט פיינע טרונקן, מיר הערן ווי ער מאכט שיין א ברכה "שטאט, הויעך און קלאר"... דערנאך קומט אריין א פריץ (**משה דוד גלויבער** נ"י) און ער בעט צו טרינקן. ער איז נישט צופרידן, א גאנצע צייט בעט ער "געב מיר בעסערע וויין, געב מיר בעסערע וויין. ענדליך פרעגט דער פריץ, מאשקע וואס מאכסטו? עטפערט ער ברוך השם. וויאזוי פילסטו? ברוך השם. וואס מאכן דיינע קינדערלעך? ברוך השם. דער פריץ האט זיך אויפגערעגט און ער שרייט "דו דארפסט זאגן ברוך הפריץ, נישט ברוך השם ווייל איך געב דיר די קרעטשמע. דער פריץ האט ארויס געווארפן מאשקע פון די קרעטשמע. אבער מאשקע ווערט נישט טרויעריג ווייל ער ווייסט אז דער באשעפער וועט אים העלפן. ער זאגט ברוך השם פאר דעם.

מיר גייען אריבער צו דעם פריץ'ס הויז, ער זיצט אין זיין אפיס און ציילט זיין געלט. ער לייגט דאס אריין אין זיין מויל און קלאפט דאס אויף זיין ציין צו זעהן אויב ס'איז עכטע געלט. נעבן אים זיצט זיין "מאנקי"., (**יואל אייגנער** נ"י) און עסט בענענעס.... ווען דער פריץ האט איז ארויס געגאנגען פון זיין אפיס איז דער מאנקי געגאנגען אויף דעם פריץ'ס פלאץ, און אויפגעגעסן אלע גאלדענע געלט, ער האט געמיינט אז ס'איז טשאקלאד געלט, אזוי האט דער פריץ געטוהן. וואס איז געשעהן מיט די מאנקי? ער איז געשטארבן. דער פריץ קומט צוריק און ער טרעפט די מאנקי טויט. ער האט גענומען די מאנקי און געטראגן צו מאשקע'ס הויז, און אריין געווארפן אין די פענסטער. טראך... מאשקע טרעפט צופרי די מאנקי מיט אלע געלט וואס איז געווען אין די בויך פון די מאנקי, און ער איז געווארן זייער

רייך א גרויסע עושר.

פסח ביינאכט האט דער פריץ געטראכט. לאמיך גיין צו מאשקע׳ס הויז און זעהן וואס ער טוט דארטן. זיכער האט ער נישט וואס צו עסן און צו טרינקן, זיכער וויינט ער דארט, א מחי׳ גוט פאר אים. ווען דער פריץ איז אנגעקומען נעבן מאשקעס הויז און קוקט אריין פון די פענסטער, זעהט ער ס׳איז ליכטיג, און מאשקע זיצט ביי א הערליכע סדר טיש און זיינע קינדער (יצחק מענדלאוויטש נ״י) זאגן שיין קדש און מה נשתנה, מ׳זונגט והיא שעמדה (אלע קינדער האבן אזוי שיין געזונגן די ניגון) ער קומט אריין און ער פרעגט מאשקע ווער האט דיר געגעבן געלט צו קענען מאכן אזא שיינע סדר. האט מאשקע דערציילט די מעשה מיט די מאנקי. יעצט זאגט דער פריץ איך זעה שוין טאקע אז דיין הייליגער באשעפער געט דיר אלעס און דו דארפסט טאקע זאגן **ברוך השם**...

## ✪ מזל טוב פון די וואך

**הנהלת הקינדערגארטן וואונטשט א הערצליכן מזל טוב פאר**
**המלמד החשוב**
מו״ה **שלו׳ בערקאוויטש** שליט״א
**צום געבורט פון זיין אייניקל נ״י**
**ווי אויך פאר המלמד החשוב**
מו״ה **ישרא׳ פארקאש** שליט״א
**צום געבורט פון זיין אייניקל נ״י**
**דער באשעפער זאל העלפן**
**איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך מתוך הרחבת הדעת עמו״ש געזונטערהייט.**
**א ספעציעלע מזל טוב פאר אונזער שכן טוב דער מנהל פון כתה ד׳ און ה׳**
הר״ר **יחיא׳ יצחק שפיטצער** שליט״א
**צום אפשערן פון זיין זוהן**
**איר זאלט זעהן אסאך אידיש נחת פון אלע אייערע קינדער און אייניקלעך מתוך הרחבת הדעת עמו״ש געזונטערהייט.**

## ✪ כסא דנחמתא

מיט גרויס צער נעמען מיר אין קינדערגארטן אויף די בשורה וועגן די פטירה פונעם אדם היקר באנשים מו״ה **דוד לייב גרינפעלד** ע״ה וואס איז אונז נישט איינמאל געשטאנען צו הילף ביי פארשידענע גילעגנהייטן ארויס צו העלפן מיט וואס נאר ער האט געקענט בנפש חפיצה ובסבר פנים יפות. זיין אפוועזנהייט איז א פערזענליכע פארלוסט פאר אונז. און אין די זעלבע צייט שיקן מיר אונזער טרייסט וואונטשן פאר זיין טייערע זוהן, דער געטרייער באס דרייווער מו״ה **יואל גרינפעלד** נ״י וואס איז א ריכטיגער הולך בדרכי אבות מיט זיין איבערגעגעבנקייט. המקו׳ ינחם אותך בתוך שאר אבלי ציון וירושלים. דו זאלסט מער קיינמאל נישט וויסן פון קיין צער. דער באשעפער זאל העלפן אז אייער טאטע זאל זיין א מליץ יושר פאר זיין פאמיליע און פאר אלע זיינע גוטע פריינד.

## ✪ מעסעדש פון די וואך *(אריין געשיקט פון א מלמד)*

חשובע עלטערן שיחיו

אזוי ווי מ׳האלט שוין פארן יו״ט פסח. זענען די מלמדים פארנומען ממש פונעם ערשטן טאג פון טאג ווען די קינדער קומען אין חדר זיי אויסצולערנען אלע וויכטיגע זאכן פונעם יו״ט. דערפאר איז מורא׳דיג וויכטיג אז מ׳זאל קומען צייטליך אין חדר, און וואס ווייניגער פעלן כדי גארנישט צו פארפאסן.

# חכמה׳לעך

✪

**חיים הערש רוקח** קומט אהיים און זאגט פאר די מאמע "מיין רבי האט אויסגעלערנט אזא פאני ניגון. ווייסט וואס? קדש ווען די טאטע קומט".....

✪

דער רבי זאגט פאר די קינדער. זיסע קינדערלעך מ'מעג נאר עסן כשר'ע פלייש. מעג מען עסן פלייש פון א דאגי? רופט זיך אן **חיים אברהם'לע ווייס** "נאר א אידישע דאגי"...

✪

**אברהם הערש כ"ץ** (א פרי נורסרי אינגל) שוועסטער האט אנגערירט די משלוח מנות וואס ער האט באקומען פון די רבי'ס, האט ער געזאגט "טאט"ש נישט מיינע זאכן פון מיין רבי, ס'איז מוקצה פאר דיר"...

✪

תענית אסתר האט **שמוא' אהרן פערל** (א פרי נורסרי אינגל) געזאגט "טאטי היינט דארפסטו פאסטן דו טארסט גארנישט עסן". אבער ער האט אים גלייך בארויגט "זונטאג גייסטו שוין יא מעגן עסן"....

✪

**חיים דוד גראד** (א פרי נורסרי אינגל) זאגט "ער איז הונגעריג צו גיין אין די פארטש, און דארשטעריג צו פארן אויף זיין בייק"...

✪

**ניסים יוסף דאנא** (א פרי נורסרי אינגל) וויל אנטוהן זיין שבת'דיגע (וואלענע) ציצית ווייל ער וויל זיין א קנעכט פאר די הייליגע באשעפער, אזוי ווי זיין רבי האט"...

✪

ווען מ'האט מסביר געווען פאר **הערשי רובינשטיין** אז ווען ער גייט ווערן א בחור וועט מען זוכן פאר אים א כלה אי"ה. האט ער געפערגט: "זי גייט הייסן ושתי?"...

✪

**מרדכי רייך** פרעגט זיין מאמע "אמת ווען די מאמע איז א איד, איז די קינד אויך א איד"? זאגט די מאמע יא, אמת. זאגט ער "יישר כח מאמי אז דו ביסט א איד"!!!...

✪

**יענקלע שטיין** (א פרי נורסרי אינגל) זאגט אז פסח גייט מען אין חדר. זאגט די מאמע אז מ'גייט "נישט" אין חדר פסח, פסח מאכט מען א סדר. זאגט יענקלע "נאר טאטעס און יונגעלעך מאכן א סדר". ווען די מאמע זאגט אים אז די מאמע זענען אויך ביים סדר, זאגט ער, "ניין. מאמעס מאכן סדר אין קלאזעט"....

✪

איך האב געזאגט מיין אינגל **דוב'לע גלאנץ** (א פרי נורסערי אניגל) אז ווען משיח וועט קומען וועט.... זאגט ער "מיין שיך איז שוין געקומען"....

# איש את רעהו יעזורו

**א יישר כח פאר די נוצליכע עצות**

**איך וויל הערן אן עצה צו אפגעוואוינען א קינד צו ציען די פיאות ווען ליגט אין בעט – פארן שלאפן**

***

**צו שיקן א פראגע אדער א ענטפער ביטע שיקן א ענוועלאופ אויפגעשריבן צו "איש את רעהו" אפטיילונג**

**עלטערן וועלן אייך דאנקבאר זיין**